Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskṿe, 1937

39

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

39

ס'איז זאָל יעדנ טאָג צומ פענצטער צוגעקומענ,
דאָס מויל ס'צעפאָרענע, ווי קיינמאָל ניט, צעשפרייט,
אונ — שטיקער רויער סליונעדיקער אומעט—
דערשראָקענע געקאפעט האָבנ רייד
צו זיכ אליינ אינ אייגענעמ וואטניק,
מיט קיינעמ ניט געקריגט האָט ער זיכ מער שוינ,
געסליונעט בלויז: א טויווע אימ געטאָנ. א גליק!
א שיינער טאכלעס פונ אזא מינ אווראָמ-הערשנ!..

אונ אווראָמ־הערש געלעגנ איז אינ א כאלאט,
אנ אָפגעגאָלטער ס'ערשטע מאָל אינ לעבנ;
א יעדער ווײַל האָט ער געטאפט דאָס פאָנעמ — גלאט!
נ'די וואָנצעס אויסגעפרווט, צי זײַנענ זיי פאראנ דערנעבנ.
עס זײַנענ ארבעטער מיט אימ זיכ זענ געגאנ,

מאַטאָנעס ברענגען אים און סכּירעס איבערגעבן.
ס'איז אויך געקומען אים מעוואקער-כּוילע זײַן לוקא
און פאר איין וועג א שמועס טאָן וועגן לעבן.

ס'האָט אווראָם־הערש שוין ניט געוווּסט א וועמען פרי'ר
באַדאַנקען מיטן ווונק, א וועמען עפּעס זאָגן.
און צו לוקאען מיט די הענט האָט ער דערלאַנגט א פיר:
— צעקוועטשט, לוקא, הא־הא, א ביסעלע דעם וואָגן?.. —
לוקא האָט זיך פאַרהוסט. דאָס מויל צעקנופּט,
א כּריפּערײַ, ווי הינט אין גאָרגל וואָלטן יאָגן,
און הוסטנדיק דערווידערט אווראָם־הערשן: — נו, נו, נו!
א מענטש, קומט אויס, איז ניט קיין וואָגן!.. —
אַרומגעווישט פון מויל דעם זאַפט,
א פײַפ געגעבן מיט איין נאָזלאָך:
— אין דר'היים, קומט אויס, מע ווערט פאַרשלאַפט,
צום בײַשפּיל, פון א ווינט, אָדער פון מאָזלען. —
לוקא האָט נאָכאַמאָל א פײַפ געגעבן מיט דער נאָז:
— צי ס'טרעפט, צום בײַשפּיל, גאָט באַהיט, דער מאָגן! —
ער האָט א מאַך געגעבן מיט די הענט און ניט געלאָזט,
אַז עמעץ זאָל אים איבערשלאָגן,
און ניט געײַלט די ווערטער אויסגעזייט דאָרט:
א קליינינקײַט אזא מין, אומגעפער,
געטראָפן אין דער היים האָט מיט זײַן זיידן,
דערלאַנגט ט'אים מיט דער קאָפּיטע א פערד,
און אופגעשטאַנען איז ער שוין ניט מער...

געווען איז אווראָם-הערשן ריידן שווער נאָך.
פאַרקלעפּט צום גומען ז'נאָך געווען זײַן קאָל.

און דאָך געדרייט דעם קאָפּ, פּונקט ווי צום נעמען אַפּ די הערנער,
און האָט לוקאַען שולדיק בלײַבן ניט געוואָלט.
און אָנגעהויבן, ווי פון זייער ווײַט:
— אין דר'היים? הא-הא, אין דר'היים האָט אונדזער קאצעוו
געכאַפּט אַמאָל אַ זעץ אין בויך פון אַ בוהײַ,
אַז ס'האָט דאָס איינגעווייד אים גלײַך ארויסגעקאַטשעט;
האָט ער עס מיט די הענט געטאָן צוריק אַ לייג ארײַן,
אַזוי עס נאָר פאַרשטעקט,
קיין וואָרט אפילע קיינעם ניט געזאָגט דאָרט
און איז צופוס אַוועק
אליין צום דאָקטער. —

לוקאַ האָט אויפמערקזאַם געקוקט אין מויל אים,
דעם קאָפּ געגעבן אַלעמאָל אַ דריי
עס האָט זיך דאַפקע אַפּן זינען ניט געלייגט,
ווי נעמט מען עס מיט הענט, מיט הענט מיט הוילע,
און מע פאַרוואַלקעוועט די קישקעס פּונקט ווי ליים,
נאָר ניט געוואָלט האָט ער מעצאַער זײַן דעם כוילע.
האָט ער געקוקט אַפּ אַווראָם-הערשס כאַלאַט
און נאָכגעבאָמבלט גלאַט:
— הא־הא! ארײַנגעלייגט, הייסט עס, אליין!..
און האָט אַ קויעך אַזאַ ערדישן געהאַט...
נו, יאָ... אַ קאצעוו, הייסט עס,
ווייסט,
ווו — וואָס... אין בויך דאָרט... אַקוראַט! —

געקומען זײַנען נאָך אַ סאַך.
ס'האָט יעדער עפּעס־וואָס געבראַכט אים.

און איך מיט אלעמען באגלײַך
ז׳געקומען זאָל נאָך דער וואכטע.

— ווי פילסט זיך עפּעס, אווראָם־הערש ? —
— ווי נאָך א בריס פיל איך זיך, זאָל !
ווי כ׳וואָלט געבוירן ווערן ערשט ! —
— דאָס הייסט א בריס ? — האָט זאָל זיך צעבלאָזן, —
מע האָט דיר דאָך ארײַנגעגאָסן גויִיש בלוט...
ביסט איצטער גאָר א קנאפּער ייִד שוין... —
ס׳איז עפּשער דיר געבליבן נאָך א פּערטל...
— א פּערטל, זאָגסטו, הא ? נו, גוט !
און דו ? א גאנצער ראָוו ! פּארפּוילטע פּיצעריטשע !
האָסט אויסגעוועגן אפ דער וואָגשאָל ? פּונקט ?
צי אומגעפער נאָר ?
טפו !
אפ דיר און אפ דײַן ייִדישקײַט ! — נעוויילע... מיטן פּערטל... —

ס׳איז גלײַך געוואָרן שטילער.
ס׳האָט זאָל שוין א נעם געטאָן אפן סאָפּראַן :
— געוואָלט כ׳האָב דײַקע זאָגן א קאַפּיטל טילים... —
ער האָט דאָס מויל געגעבן א צעפּראל
און זיך ארופגערוקט דעם הוט :
— אזויפיל אייגענע... אזויפיל זין...
איך ווייס ?.. מע גייט... מע נעמט... מע טוט...
איז פאָרסטו פלוצעם מיר ארײַן מיט אייסעוס בלוט...
און ווען דו נעמסט בא מיר ?.. וואָסי ?..
כ׳וואָלט דיר געזשאלעוועט ? ס׳א טײַערע מעציִע ?.. —
א לאָז געטאָן האָט אווראָם־הערש זיך ווי אין נעפל

פֿאר צוועלף ווייטעקדיקע טעג מיט אזא רויש:
— נעווייליע! בלוט האָט מיר די פארטיע געגעבן,
דו הערסט? סאָוועטסקע, ניט קיין גוייִש!
און גיי פונדאנען גלייַך ארויס!
און ברעך אין וועג א פוס זיך אויס!